# נועם שיח

מאת אב"ד סאנטוב שליט"א

## אחדות בתוך בידוד
## שיחת חיזוק למצב הקשה של
# הקורונה

בלשון הקודש ובאידיש

אחרי-קדושים תש"פ

מכון אפריון לשלמה

לייקווד תש"פ

כל הזכויות שמורות

**למכון אפריון לשלמה**

להוצאת שיחות הרב שלמה זלמן פרידמן שליט"א
אב"ד סאנטוב - לייקווד

הרב פנחס בידרמן - הרב נתן נטע פרוש

9996551.z@gmail.com

**לקבל גליונות, לנדב גליונות, ולהערות**
**נא לפנות להנ"ל**

קונטרס זה נדבת
**האי גברא רבא יקירא, חוב"ט**
**הרה"ג רבי שמעון גאלדבערגער שליט"א**
ר"מ בישיבה דמאנסי

לע"נ רבו הגאון הגדול המפורסם
**מרן רבי משה בן רבי ישראל גרין זצוק"ל**
ראש ישיבה דמאנסי
זקן ראשי הישיבות באר"ב

**נסתלק ביום י"ב ניסן תש"פ**

# אחדות בתוך בידוד

## שיחת חיזוק על הטלפון

# לאור המצב הקשה של הקורונה

## ד' ניסן תש"פ

אחים יקרים! בשבת שעעל"ט, בעמדינו בבית המדרש, אנו מביטים סביבנו, ספסלים ריקים! שולחנות ריקים! היכן הם האברכים היקרים? היכן הם הבחורים מלאי חן שמתפללים עמנו בקול ובנעימות? היכן הם הילדים היקרים והמתוקים שעונים "אמן יהא שמיה רבא" כל כך יפה? מתי נתיישב בצוותא לקידושא רבא? מתי נתוועד ונסעד יחדיו בשלש סעודות? חלחלה ורעדה יאחזונו!! אבל צריכים להתחזק...

### <u>בדד ישב – האומנם??</u>

נעים זמירות אומר (תהלים מ"ב, ח'): תהום אל תהום קורא לקול צנוריך. שמעתי פעם אימרא נוראה מאת הגה"צ רבי אברהם חיים שפיצער זצ"ל אב"ד "אור החיים" בבארא פארק, וכך אמר. "תהום" היא מקום עמוק מאוד, וזה רומז ללב האדם שהוא המקום העמוק שבו – דהיינו עומק הלב, וכך אומר דוד המלך "תהום אל תהום קורא" – כשלב אדם אחד קורא ללבו של האדם השני, כשיש קשר לבבות בין שתי הלבבות הללו, לב אחד מרגיש את הלב השני, האחד מתפלל עבור השני, הוא חושב ודואג להשני, הוא מקושר עם

השני, אז "לקול צנוריך" – אזי נעשה בין שתי הלבבות "צינור", שהוא מחבר ומקשר את שתיהם, והם נעשים לב אחד.

חז"ל אומרים (מס' סנהדרין דף ל"ט ע"א): כל בי עשרה שכינתא שריא. ולכאורה יש להבין, מהו הלשון של "כל"? והלא היה די אם היה נאמר "בי עשרה שכינתא שריא".

ואמר הרה"ק בעל "אהבת שלום" מוויז'ניץ זי"ע, שהלשון "כל" הוא לשון של התכללות, אם יש את הבחינה של "כל" בי עשרה, יש אחדות בין האנשים האלו המתפללים, יש קשר ביניהם, **כל** בי עשרה, כשעשרה אנשים אלו מתכללים יחדיו, דווקא **אז** שכינתא שריא, שכן השכינה שורה רק כשבני ישראל הם באחדות ומקושרים איש אל רעהו.

מיתאמרא אימרא חריפה משמיה דהרה"ק ה"בית אהרן" מקארלין זי"ע, אם ישנם עשרה יהודים שמתפללים ביחד, אבל אין שורר ביניהם אחדות, אין זה **תפילה בציבור**, הם עשרה יחידים שמתפללים במקום אחד!!!

ולכאורה הרי זה פלא, אם ישנם עשרה יהודים שמתפללים במקום אחד, הלא **זהו** ציבור, ומפני מה אם אין אחדות ביניהם אין זה נחשב לתפילה בציבור?

ברם לדברי ה"אהבת שלום" הדברים מובנים היטב, שכן אומרים חז"ל (מסכת ברכות דף ו' ע"א) במעלת התפילה כשהיא בציבור, שמעלת תפילה בציבור הוא מפני שהשכינה שורה שם, וכמו שנאמר בפסוק (תהלים פ"ב, א'): אלקים ניצב בעדת קל, שהשכינה שורה כשיש ציבור, אבל אם אין אחדות ביניהם, הלא אז אין השראת השכינה – "**כל**" בי עשרה שכינתא שריא – רק אם יש הבחינה של "כל", כשיש אחדות בין עשרת האנשים, אז יש

השראת השכינה, אבל אם יש פירוד בין המתפללים, ואין שם אחדות, אז חסר שם השראת השכינה.

ממילא הכל מובן היטב, שאם אין אחדות בין המתפללים, אז אפילו ישנם עשרה אנשים, אין זה תפילה בציבור, שהרי הם עשר יחידים.

ממילא, לפי דברינו חשבתי שאפשר לומר גם ההיפך, אם ישנה להבחינה של "תהום אל תהום קורא לקול צינוריך", שלב אחד מקושר אל השני, יהודי אחד חושב מהשני, יש אצליהם הצינור שמחבר את הלבבות ועושה אותם ללב אחד, אז הגם שכל אחד מתפלל בביתו, ובפועל אין מנין, אבל יכול להיות שאכן **המעלה** של תפילה בציבור יש גם במצב הזה! שכן יש כאן הבחינה של "כל" בי עשרה, ויש כאן השראת השכינה, כשהיהודים מקושרים אחד אל השני – "תהום אל תהום קורא לקול צינוריך" – ששורר האחדות ביניהם, יש ההרגשה של אחד לזולת, אחד חושב מהשני, האחד מתפלל עבור השני, אז יש כאן המעלה של תפילה בציבור!

## כח הרבים אינו נדחה

אנו רואים דבר מעניין, כשבאים לשדה התעופה (עירפאר"ט), כשבא אדם יחידי בשעריו, שכיח מאוד שיעצרו אותו במעבר הגבולות, לבדוק את חבילותיו אם הוא מעלים את המכס וכדו', לא כן הם פני הדברים כשציבור שלם באים ביחד, קבוצה של אנשים, שאז בדרך כלל אין מוציאים יחיד אחד מקבוצת האנשים לבדוק את חבילותיו, רק מניחים אותו לעבור עם כלל הציבור הבאים ביחד.

ממילא, כשתפילת יחיד עולה השמימה, הדבר מסוגל שיבדקו את התפילה של היחידי אם היא כדת וכראוי, בכוונה הראויה, אבל כשתפילת הרבים עולה השמימה, היינו תפילה בציבור, הרי זה הולך כחבילת הרבים, שהכל עובר במעברי הגבול, ואין מוציאים את היחיד לבדוק את תפילתו שלו, רק הכל נחשב כחבילה אחת גדולה שעולה ומגעת בקל עד לכסא הכבוד.

אשר על כן, אם ישנה להבחינה של "כל בי עשרה – תהום אל תהום קורא לקול צינוריך" – היהודים מקושרים אחד אל השני, יש ביניהם קשר לבבות, ממילא יתכן מאוד שכל התפילות שאנו מתפללים כל אחד בביתו שלו, מתקשרים ומתקבצים יחד בעודם באויר, וכל התפילות עולים השמימה כמקשה אחת של תפילות הציבור, שכן יש בזה המעלה של תפילה בציבור, יש בזה המעלה של השראת השכינה, וממילא כל התפילות שלנו עולים כחבילה אחת, וממילא התפילה תבקע רקיעים ותגיע במהרה עד לכסא הכבוד!

ובאמת רואים אנו בנוסח התפילה, שהכל נאמר בלשון רבים, "אבינו מלכנו", שמע קולנו", למה אין אומרים "אבי מלכי", "שמע קולי", ובפרט בתפילת שמונה עשרה בלחש, שכל אחד מתפלל לעצמו, היו צריכים לומר הלשון "אבי מלכי"?

אלא מפני שיש בינינו קשר לבבות, והמעלה של תפילה בציבור היא שכל אחד חושב מהשני, כל אחד מתפלל עבור השני, ממילא אומרים "שמע קולנו".

וממילא, אפילו שכעת מחמת המצב כל אחד מתפלל בביתו, הרי זה הבחינה של "שמע קולנו", וזה נחשב לתפילה בציבור שעולה עד לכסא הכבוד, שכן "כל בי עשרה שכינתא שריא".

# דבר אחד לא איבדנו

מספרים על המשפיע הנודע מגדולי וחשובי חסידי חב"ד הגה"ח רבי שמואל מונקעס זצ"ל, שפעם אחת נשרף ל"ע כל ביתו על תכולתו ועציו ואבניו, ובה"ה שהוא ובני ביתו ניצלו בניסי ניסים, אבל הבית וכל הרהיטים והחפצים נשרפו כליל ולא נותר מהם אלא הר אפר ובוץ.

רבי שמואל עמד בחוץ והביט איך שלשונות האש האיומה מכלים את כל ביתו, ועמד כמחריש. סביבו עמדו ידידיו ומכריו ושכניו, והביטו נרעדים ונרגשים איך שלפתע ננער רבי שמואל משרעפיו, ופתח את פיו ואמר בקול רם ובשמחה רבה את הברכה "ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם"... כל הסובבים היו בטוחים שהוא הולך לסיים את הברכה ולומר "דיין האמת", אך לא, הם עמדו נרעשים ומשתוממים לשמוע את סיום הברכה "שלא עשני גוי"!

ולאחר שסיים את הברכה, החל ר' שמואל לרקוד ולזמר "שלא עשני גוי" – "טאטע איך דאנק דיך טאטע איך לויב דיך אז איך בין א איד – טאטע איך דאנק דיך טאטע איך לויב דיך אז איך בין א איד"... והוא מזמר ורוקד וקופץ מרוב התרגשות. כל הנוכחים עמדו משתוממים, מה קורה כאן? הלא כל הבית נשרף לעיניו, והוא רוקד ומזמר? וכי נטרפה בינתו חלילה??

ר' שמואל ראה את מבטי השכנים ואותות התמיהה אשר ניכרו על פניהם, ונפנה להסביר להם פשר הדברים, וכך אמר להם ר' שמואל: הבה ונתאר לעצמינו, אם כזה מקרה היתה קורה אצל אחד הגויים להבדיל, והלא הוא היה נותר בחוסר כל פשוטו כמשמעו, שכן גם האליל אותו הוא עובד, היה נשרף בלשונות האש, אבל כעת

– אומר ר' שמואל – אפילו שכל הבית נשרפה לדאבונינו, אבל דבר אחד אין יכולים לקחת ממני, **דער הייליגער באשעפער!** הלא הקב"ה הוא עמדי בכל מקום שהנני שם! ממילא דווקא כעת הוא הזמן הנכון להודות ולשבח להקב"ה "שלא עשני גוי", שכן יהודי אינו נשאר בשום מצב ללא הריבונו של עולם.

וממילא, מי כעמך ישראל, אנו מביטים ורואים את בני ישראל, איך שכל אחד אמנם סגור ומסוגר בביתו פנימה, אמנם לא ככל הגויים בית ישראל, שכן הגוי כששערי ביתו נעולים, והוא יושב סגור בביתו ואינו יכול לצאת להבליו ולשטויותיו, הרי הוא אבוד לגמרי שבור ורצוץ, הלא אין לו כלום! אבל יהודי, אפילו שהבית המדרש סגור, אבל הרי הקב"ה נמצא בכל בית יהודי, בכל בית יהודי ישנה השראת השכינה, אין שום יהודי שהוא בודד, כל אחד יש לו עמו את הקב"ה!

וממילא, כעת הזמן הנכון לברך בקול רם ולומר בשמחה רבה מתוך רוב הודאה ושבח להקב"ה "שלא עשני גוי"!

## <u>על כל נשימה ונשימה</u>

והנה, כעת שאנו נמצאים במצב קשה כזה רח"ל, צריכים אנו ללמוד להודות להקב"ה על כל נשימה ונשימה, האדם קם בבוקר, הוא יורד מהמטה, הוא הולך ויושב, מסדר ענייניו – לפעמים יכולים לשכוח שיש בורא כל עולמים שברא את כל העולם, כל דקה בחיים הלא זהו ניסים ונפלאות. היום, במצב הזה, כשקמים בבוקר, הלא כל אחד ואחד פותח פיו מיד להודות ולשבח להקב"ה על כל נשימה ונשימה! וזה צריכים אנו לקחת עמנו לאורך ימים ושנות חיים כצידה לדרך, בעז"ה כשנחזור בקרוב לשיגרת החיים הרגילים

והבריאים, צריכים אנו לזכור להודות להקב"ה על חסדיו המרובים עמנו בכל יום ובכל עת ובכל שעה.

במזמור "הודו לה' כי טוב" (תהלים ק"ז) נזכרים מאורעות שונות שעוברים על האדם, תעו במדבר וכו', ויגיעו עד שערי מות וכו', חולה שנתרפא, יורדי הים ויוצא מבית האסורים, ובסוף המזמור נאמר "מי חכם וישמור אלה ויתבוננו חסדי ה'". ומיתאמרא משמיה דהרה"ק מבעלזא זי"ע אימרא נוראה, וכך אמר:

ישנו אדם שרואה שהגיעו עליו ימים קשים ל"ע, והוא נכנס למצב של סכנה. נשאלת השאלה, האיך יכולים למנוע מבעוד מועד ולהישמר מלהכנס למצב כזה של סכנה, מה יעשה האדם להינצל שלא להגיע עד שערי מות וכו'?

ברם, אם האדם אינו מתבונן בהסייעתא דשמיא בחייו היום יום, הכל הולך אצלו כשורה, הוא אינו מכיר בהניסים הנסתרים בכל רגע ורגע, אדם כזה מקבל לפעמים מאת הקב"ה איזה "תזכורת", הוא עובר מצב של סכנה ואח"כ ניצול מזה, וזה מעורר אותו מתרדמתו, והוא מתעורר לחשוב בגודל טובותיו של הבורא ובהשגחתו התמידית עליו שלא יאונה לו כל רע, ואז מתחיל להודות לה' על כל חסדיו וטובותיו עמו, ומתפנה לחשוב ולהתבונן בעינא פקיחא בכל חסדי השי"ת עמו.

אמנם אם האדם יתבונן מידי יום ביומו על חייו הנתונים לו במתנה מאת הבורא יתברך שמו, ויתבונן בכל הניסים והנפלאות שעוברים עליו בכל עת ובכל שעה, ויכיר בגודל השגחת הבורא בפרטיות עליו על כל צעד ושעל, וידע שאין שום דבר העובר בעולם שהוא מקרה, אין שום דבר בעולם שהוא טבע, רק הכל הוא בהשגחה עליונה, אזי אז לא יצטרך הקב"ה לשלוח לו "תזכורת"

להתבונן בחסדי השי"ת עליו, כדי שיראה בעינים פקוחות שיש הקב"ה בעולם המחדש בטובו בכל יום מעשי בראשית.

וזהו שאומר דוד המלך ע"ה: "מי חכם וישמור אלה" – איך יכול האדם לשמור את עצמו שלא תבוא עליו שום מחלה ופורענות, אם "ויתבוננו חסדי ה'" – כשיקדים להתבונן בחיי היום יום בחסדיו הגדולים של הבורא יתב"ש, שכן אז לא יצטרכו להזכירו מלמעלה שיש הקב"ה בעולם...

## ונשמרתם מאוד לנפשותיכם

אחים יקרים! נצטוינו בתורתינו הק' (דברים ד', ט"ו): ונשמרתם מאוד לנפשותיכם, כל אחד ואחד ישמור על בריאותו, על בריאות משפחתו, ועל שלומו ובריאותו של השני, וכל אחד יעשה מה שצריכים לעשות, ואף אחד לא יהיה "אויבער-חכם", רק יצייתו לכל ההוראות בענייני הבריאות שמסרו לנו.

בעיר ווילחאוויץ, כשהרה"ק בעל "אמרי חיים" מוויז'ניץ זי"ע כיהן בה כרב, עוד בחיים חיותו של אביו הרה"ק בעל "אהבת ישראל" זי"ע, התגורר בה החסיד המפורסם ר' מרדכי חנא פוקס ז"ל. יום אחד לאחר התפילה נחלש ר' מרדכי חנא והתעלף. כשעוררוהו מעלפונו, ניגש אליו ה"אמרי חיים" ואמר לו שהוא גוזר עליו בגזירת מרא דאתרא שיאכל כל יום לפני התפילה, כדי שיהא לבו חזק ויהיה לו כח להתפלל.

ה"אמרי חיים" הוסיף ואמר לו, אם קשה לך לקבל את דבריי, אזי בפעם הבאה כשתשהה בגרויסווארדיין אצל אבי ה"אהבת ישראל", תשאל אותו כיצד להתנהג.

תיכף ומיד נסע ר' מרדכי חנא לגרויסווארדיין, ושאל את ה"אהבת ישראל" כיצד להתנהג. אמר לו ה"אהבת ישראל", "אם המרא דאתרא הורה לך לאכול קודם התפילה, מוכרח אתה לקבל את דבריו ולאכול כל יום לפני התפילה", ומאז היה ר' מרדכי חנא מתנהג כן כל ימי חייו וטעם משהו קודם התפילה.

שנה אחת חל ערב פסח בשבת, ובאותה שבת התפללו תפילת שחרית בשעה מוקדמת כדי שיוכלו לסיים ולאכול את החמץ קודם הזמן. לפתע ראו החסידים ששהו בבית המדרש את ר' מרדכי חנא כשהוא מתרוצץ בבית המדרש מפינה לפינה ומחפש דבר מה. ניגשו אליו החסידים ושאלו אותו "ר' מרדכי חנא, מה אתה מחפש?", השיב להם ר' מרדכי חנא ואמר שהוא מחפש איזה חתיכת חמץ כדי לאכול. הסתכלו עליו החסידים בתימהון ושאלוהו "מפני מה אתה צריך כעת חתיכת חמץ?" השיב להם ר' מרדכי חנא "כי כך ציווני הרבי, שהנני חייב לאכול משהו קודם התפילה".

חייכו החסידים, ואמרו לו "ר' מרדכי חנא! לא זו היתה כוונת הרבי, כוונת הרבי הייתה על התפילות שמתפללים בשאר ימות השנה, שכן בדרך כלל כשמסיימים להתפלל בשעה מאוחרת, אז הלב חלש, וכדי שלא יחלש לבך הורה לך הרבי לאכול עוד קודם התפילה, אמנם כעת שמתפללים מוקדם, ואין כמעט חתיכת חמץ בנמצא, על היום הזה – בודאי לא התכוין הרבי שתאכל".

כששמע ר' מרדכי חנא את דבריהם, התחיל לצעוק עליהם ואמר "דרייט מיר נישט ביים קאפ (אל תבלבלו לי את הראש), אל תעשו בעבורי חשבונות מה הייתה כוונת הרבי, הרבי הורה לאכול קודם התפילה וחייבים לציית, לא צריכים להיות אויבער-חכם!"...

ישנם אנשים מסויימים שעושים חשבונות (וכמו שכבר המליצו המושלים ברמז על אנשים כאלו את הפסוק (קהלת ז', כ"ט): לבד ראה זה

מצאתי אשר עשה האלקים את האדם ישר, והמה בקשו **חשבונות** רבים...), לא התכוונו לאנשים צעירים, לא התכוונו לאנשים בריאים, לא אלי התכוונו... לא צריכים להיות אויבער-חכם, צריכים להתהלך בתמימות, ונשמרתם מאוד לנפשותיכם, מה שכל גדולי ישראל הורו לעשות, צריכים לקיים כראוי ובלא שום חשבונות.

❖❖❖

יעזור הקב"ה, שכל אחד ואחד יהיה בריא ושלם בגוף ובנפש בבריאות השלימות, וישלח רפואה שלימה לכל אחינו בני ישראל החולים והמצפים לרפואה, ובקרוב מאוד נחזור להתוועד יחדיו בבתי כנסיות ובבתי מדרשות בריאים ושלימים חיים וקיימים, ובצוותא חדא נקבל את פני משיח צדקנו במהרה בימינו אמן.



# באידיש

טייערע ברידער! דעם פארגאנגנעם שבת, שטייענדיג אין ביהמ"ד, מ'קוקט ארום, מ'זעט ליידיגע בענק, ליידיגע טישן, וואו זענען די טייערע אינגעלייט? וואו זענען די באחנ'טע בחורים וואס דאווענען צוזאמען אזוי שיין און הויך? וואו זענען די טייערע זיסע אינגעלעך וואס ענטפערן אמן יהא שמי' רבא אזוי געשמאק? ווען גייט מען זיך זעצן צו קידוש? ווען גייט מען זיך צוזאמקומען אויף שלש סעודות? עס כאפט אן א ציטער!! מ'דארף זיך אבער מחזק זיין...

## בדד ישב - טאקע??

דוד המלך זאגט אין תהלים "תהום אל תהום קורא לקול צנוריך". האב איך אמאל געהערט א מורא'דיגע ווארט פון הגה"צ רבי אברהם חיים שפיטצער זצ"ל אב"ד "אור החיים", זאגט ער אזוי. "תהום" איז אן אפגרונד, א טיפעניש. דאס איז מרומז אויפן הארץ פונעם מענטש, וואס דאס איז דער טיפקייט פונעם מענטש, עומק הלב. ממילא, "תהום אל תהום קורא" - ווען איין אידיש הארץ רופט דעם צווייטן אידישע הארץ, ווען עס איז דא א קשר לבבות צווישן די צוויי הערצער, איין הארץ איז מרגיש דעם צווייטן, איין איד דאווענט פאר'ן צווייטן, ער האט אינזינען יענעם, ער איז מקושר מיט יענעם, איז "לקול צנוריך", איז פאראן צווישן די צוויי הערצער, א צינור, א רער, וואס באהעפט די צוויי הערצער און עס ווערט אזוי ווי איינס.

ס'שטייט אין חז"ל "כל בי' עשרה שכינתא שריא". וואס איז דער לשון "כל"? עס וואלט גענוג געווען אז עס שטייט "בי' עשרה שכינתא שריא". זאגט דער הייליגער "אהבת שלום" זי"ע, אז דער לשון פון "כל" איז א לשון פון התכללות, אויב ס'איז א בחינה פון "כל" בי' עשרה, ס'איז דא אן אחדות צווישן זיי, ס'איז דא א קשר צווישן זיי, **כל** בי' עשרה, אז די צען זענען זיך מתכלל ביחד, דעמאלט איז שכינתא שריא, דעמאלט איז דא השראת השכינה, ווייל די שכינה איז נאר שורה ווען אידישע קינדער זענען באחדות און מקושר איינער צום צווייטן.

ס'איז פאראן א מורא'דיגע שארפע ווארט פון הייליגן "בית אהרן" זי"ע, אויב ס'איז פאראן צען אידן וואס דאווענען צוזאמען, אבער ס'איז נישט דא קיין אחדות צווישן זיי, איז דאס נישט קיין תפלה בציבור, דאס איז צען יחידים וואס דאווענען אויף איין פלאץ.

לכאורה איז דאך דאס א פלא. אז ס'איז דא צען אידן וואס דאווענען צוזאמען, איז דאך דאס א ציבור, פארוואס אויב ס'איז נישט דא קיין אחדות צווישן זיי, ווערט דאס נישט גערעכענט תפלה בציבור?

נאר לויט דעם "אהבת שלום" פארשטייט מען דאס זייער גוט. ווייל חז"ל זאגן אין מסכת ברכות, וואס איז די מעלה פון תפלה בציבור? זאגן חז"ל אז "אלקים ניצב בעדת קל", די שכינה איז שורה ווען עס איז דא א ציבור. אבער אויב ס'איז נישט דא קיין אחדות צווישן זיי, איז דאך נישט דא קיין השראת השכינה - "כל" בי' עשרה שכינתא שריא - דוקא ווען עס איז א בחינה פון "כל", ווען ס'איז דא אחדות צווישן די צען אידן, דעמאלט איז דא השראת השכינה, איז ממילא פארשטייט מען זייער גוט, אז אויב איז נישט דא קיין אחדות צווישן די אידן, איז אפילו אויב ס'איז דא צען אידן, איז דאס נישט קיין תפלה בציבור, דאס זענען צען יחידים.

ממילא לפי דברינו האב איך געקלערט אז מ'קען זאגן דעם היפך אויך. אויב ס'איז פארהאן א בחינה פון "תהום אל תהום קורא לקול צנוריך", אז איין הארץ איז מקושר צום צווייטן, איין איד טראכט פון א צווייטן, ס'איז דא דער צינור וואס באהעפט די הערצער און עס ווערט איינס, איז הגם יעדער איינער דאווענט אין זיין שטוב, בפועל איז נישט דא קיין מנין, אבער עס קען זיין אז די **מעלה** פון תפלה בציבור איז דא אויף דעם אופן אויך! ס'איז "כל" בי' עשרה שכינתא שריא, דער השראת השכינה איז פארהאנען דא, אז די אידן זענען מקושר איינער צום צווייטן "תהום אל תהום קורא לקול צנוריך" אז ס'איז דא אן אחדות, ס'איז דא א געפיל איינער צום צווייטן, איינער האט אינזינען דעם צווייטן, איינער דאווענט פאר'ן צווייטן, איז דא די מעלה פון תפלה בציבור.

## <u>א רבים ווערט נישט נדחה</u>

מ'זעט, ווען מ'קומט אין אן עירפאֶרט, אויב קומט אן איינער א יחיד, איז זייער שכיח אז מ'זאל אים אפשטעלן און מ'זאל אים בודק זיין די פעקלעך. אבער ווען עס קומט א ציבור צוזאמען, א גרופע, איז בדדך כלל פירט מען נישט ארויס קיין יחיד פון די גרופע בודק צו זיין די פעקלעך, נאר מ'לאזט דורך דעם גאנצן ציבור צוזאמען.

ממילא ווען עס קומט א תפלת יחיד, איז דאס מסוגל אז מ'זאל בודק זיין די תפלה צו עס איז אויסגעהאלטן ווי עס דארף צו זיין. אבער אז עס קומט א תפלת רבים, א תפלה בציבור, גייט עס ווי א פעקעדזש, עס גייט ווי א פעקל, גייט עס צוזאמען ארויף צום כסא הכבוד.

איז ממילא, אויב ס'איז א בחינה פון "כל בי' עשרה - תהום אל תהום קורא לקול צנוריך", די אידן זענען מקושר איינער צום צווייטן, און ס'איז דא דער קשר לבבות, ממילא קען זיין אז די אלע תפלות וואס מיר דאווען, יעדער איינער ביי זיך אין שטוב, קומען זיך צוזאם אין די לופטן, און די אלע תפלות גייען ארויף צוזאמען. ס'איז דא די מעלה פון תפלה בציבור, ס'איז דא די מעלה פון השראת השכינה, ממילא אלע אונזערע תפלות גייען ארויף צוזאמען ווי א פעקל, ממילא וועט דאס בוקע זיין רקיעים און אנקומען גלייך צום כסא הכבוד.

מ'זעט טאקע אז דער נוסח התפלה איז אלעס לשון רבים, "אבינו מלכינו", "שמע קולינו", פארוואס זאגט מען נישט "אבי מלכי", ובפרט ביי די שטילע שמנה עשרה וואס יעדער דאווענט פאר זיך אליינס, וואלט מען געדארפט זאגן "אבי מלכי"?

נאר וויבאלד ס'איז דא א קשר לבבות, און די מעלה פון תפלה בציבור איז, אז איינער האט אינזינען דעם צווייטן, איינער דאווענט פאר א צווייטן, ממילא זאגט מען "שמע קולינו".

ממילא אפילו יעדער דאווענט איצט אין שטוב, איז דאס א בחינה פון "שמע קולינו", ס'איז נחשב כתפלה בציבור, דאס גייט גלייך ארויף צום כסא הכבוד, כל בי' עשרה שכינתא שריא.

## <u>איין זאך האבן מיר נישט פארלוירן</u>

מ'דערציילט, אז דער באקאנטער משפיע אין חב"ד, הרה"צ רבי שמואל מונקעס זצ"ל, אמאל האט זיך נעבעך פארברענט זיין גאנצע הויז, און ב"ה אז ער מיט די משפחה זענען געראטעוועט געווארן, אבער די גאנצע הויז איז פארברענט געווארן, ס'איז גארנישט געבליבן נאר אש און בלאטע.

ר' שמואל איז געשטאנען אינדרויסן און צוגעקוקט ווי זיין הויז ווערט פארברענט. די מענטשן זענען געשטאנען פונדרויסן און צוגעקוקט ווי פלוצים האט ר' שמואל געעפענט די מויל, און אנגעהויבן צו זאגן מיט א הויך קול און מיט גרויס שמחה "ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם". די אלע אידן וואס זענען געשטאנען ארום זענען געווען זיכער אז ער גייט מסיים זיין און זאגן "דיין האמת", אבער זיי זענען נשתומם געווארן צו הערן ווי ער איז מסיים און ער זאגט "שלא עשנו גוי".

פלוצים האט ער זיך גענומען טאנצן און זינגן "שלא עשנו גוי" - "טאטע איך דאנק דיך, טאטע איך ליב דיך אז איך בין א איד - טאטע איך דאנק דיך,

טאטע איך לויב דיך אז איך בין א איד"... און ער טאנצט און ער זינגט און ער שפרונגט. דער עולם איז נשתומם געווארן, וואס גייט דא פאר? זיין הויז איז איצט אראפגעברענט געווארן, און ער טאנצט און ער שפרונגט.

האט ר' שמואל זיך אויסגעדרייט צו די אידן, און ער האט זיי מסביר געווען: שטעל דיך פאר, אויב אזא זאך וואלט פאסירט צו א גוי להבדיל, וואלט ער געבליבן מיט גארנישט, זיין געטשקע וואלט דאך פארברענט געווארן צוזאמען מיט זיין הויז. אבער איצט – זאגט ר' שמואל – אפילו דער הויז האט זיך אפגעברענט, אבער איין זאך קען מען פון מיר נישט אוועקנעמען, דער הייליגער באשעפער איז מיט מיר וואו איך בין! ממילא איז איצט די צייט וואס איך דאנק און לויב דעם אויבערשטן "שלא עשנו גוי", ווייל דער איד בלייבט קיינמאל נישט אן דעם הייליגן באשעפער.

ממילא, מי כעמך ישראל, מ'קוקט צו אידישע קינדער, ווי יעדער איינער איז איינגעשפארט ביי זיך אין שטוב. אז מ'קוקט צו להבדיל א גוי, ווען מ'פארמאכט זיין טעאטער, און ער קען נישט גיין צו זיינע נארישקייטן, איז ער פארלוירן, ער האט גארנישט. אבער דער איד, אפילו דאס ביהמ"ד איז פארמאכט, אבער דער אויבערשטער איז אין יעדע אידישע שטוב, ס'איז נישט דא קיין שום איד וואס איז איזאלירט, יעדער איד האט דעם אויבערשטן מיט זיך.

ממילא איז איצט די צייט אויסצושרייען און צו דאנקן דעם אויבערשטן, "שלא עשנו גוי"!

## על כל נשימה ונשימה

און איצט ווען מיר מאכן מיט אזא מצב, דארף מען זיך אפלערנען צו דאנקן דעם אויבערשטן על כל נשימה ונשימה. א מענטש, ווען ער שטייט אויף אינדערפרי, ער קומט, ער גייט, אסאך מאל פארגעסט ער אז ס'איז דא א באשעפער אויף די וועלט. יעדע מינוט אין לעבן איז נסים ונפלאות. היינט ווען מ'שטייט אויף, דאנקט מען דעם אויבערשטן על כל נשימה ונשימה. דארף מען דאס מיטנעמען אויף ווייטער, אי"ה ווען מ'וועט צוריקגיין צום נארמאלן לעבן, דארף מען וויסן צו לויבן און דאנקן דעם אויבערשטן אויף זיינע טאג-טעגליכע חסדים.

אין קאפיטל ק"ז אין תהלים ווערן אויסגערעכנט פארשידענע מאורעות, תעו במדבר וכו', ויגיעו עד שערי מות וכו', און צום סוף שטייט "מי חכם

וישמר אלה ויתבוננו חסדי ה'". איז פארהאן א מורא'דיג ווארט פון הייליגן בעלזער רב זי"ע.

אמענטש זעט אמאל אז עס קומט אן שווערע צייטן ל"ע, ער פאלט נעבעך אריין אין א מצב פון סכנה, וויאזוי קען זיך דער מענטש אפהיטן אז ער זאל נישט צוקומען צו דעם אז ער זאל אריינפאלן אין א מצב פון סכנה?

נאר אויב דער מענטש וועט זיך מתבונן זיין אין טאג-טעגליכן לעבן, אז יעדע זאך איז נסים ונפלאות, דער מענטש וועט איינערקענען די השגחה פרטית על כל צעד ושעל, און וויסן אז ס'איז נישט דא קיין שום זאך וואס איז א מקרה, ס'איז נישט דא קיין שום זאך וואס איז טבע, נאר יעדע זאך איז השגחה עליונה, וועט דער אויבערשטער אים נישט דארפן שיקן א דערמאנונג אז ער זאל זען מיט אפענע אויגן אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט.

נאר ווען דער מענטש זעט נישט איין די סייעתא דשמיא אין טאג-טעגליכן לעבן, אלעס פארט זיך אזוי, און ער זעט נישט איין די נסים נסתרים וואס טוט זיך אפ יעדע מינוט און יעדע רגע, טוט אים אמאל דער אויבערשטער דערמאנען, ער גייט דורך א מצב פון סכנה און ער ווערט געראטעוועט, דורך דעם זעט ער די געוואלדיגע חסדים פון הייליגן באשעפער.

אבער "מי חכם וישמר אלה", ווער קען זיך פון פאראויס אפהיטן אז עס זאל נישט קומען אויף אים די אלע פורעניות, אויב "ויתבוננו חסדי ה'", אין טאג טעגליכן לעבן וועט זיך דער מענטש מתבונן זיין די געוואלדיגע חסדים פון הייליגן באשעפער, וועט מען אים נישט דארפן דערמאנען אז ס'איז דא א באשעפער אויף די וועלט.

## ונשמרתם מאוד לנפשותיכם

און טייערע ברידער, ונשמרתם מאוד לנפשותיכם, יעדער איינער זאל אכטונג געבן אויף זיין געזונט, די געזונט פון די משפחה, דער געזונט פון יענעם, און יעדער זאל טון וואס מ'דארף טון, קיינער זאל נישט זיין קיין אויבער-חכם, נאר מ'זאל אויספאלגן די הוראות וואס מ'האט אונז געגעבן.

אין שטאט ווילחאוויץ, בשעת עס האט געדינט אלס רב דער הייליגער "אמרי חיים" זי"ע, איז געווען דער באקאנטער חסיד ר' מרדכי חנא פוקס ז"ל. איין טאג נאכ'ן דאווענען האט ער גע'חלש'ט. ווען מ'האט אים דערמונטערט, איז צוגעגאנגען צו אים דער "אמרי חיים" און אים געזאגט אז ער איז גוזר אויף אים בגזירת מרא דאתרא אז ער דארף יעדן טאג עסן פאר'ן דאווענען.

דער "אמרי חיים" האט מוסיף געווען, אויב דו ווילסט נישט אננעמען מיינע ווערטער, איז קומענדיגן מאל ווען דו וועסט זיין אין גרויסווארדיין ביי מיין טאטן דער "אהבת ישראל", זאלסטו אים פרעגן וואס דו זאלסט טון.

תיכף ומיד איז ר' מרדכי חנא געפארן קיין גרויסווארדיין און געפרעגט דעם "אהבת ישראל" וואס ער זאל טון. האט אים געזאגט דער "אהבת ישראל", "אויב דער מרא דאתרא האט דיר געזאגט דו זאלסט עסן, מוזטו יעדן טאג עסן פאר'ן דאווענען". פון דעמאלט אן האט ער אזוי געטון.

איינמאל איז געווען ערב פסח שחל בשבת, און יענעם שבת האט מען געדאווענט זייער פרי, כדי צו קענען ענדיגן עסן חמץ פאר'ן זמן. האבן די חסידים געזען ווי ר' מרדכי חנא לויפט ארום אין גאנצן ביהמ"ד און ער זוכט עפעס. פרעגט מען אים "וואס זוכסטו?" זאגט ער, אז ער זוכט א שטיקל חמץ צו עסן. האט מען אים אנגעקוקט און מ'פרעגט אים, "וואס דארפסטו איצט עסן א שטיקל חמץ?" האט ער געזאגט, "ווייל אזוי האט דער רבי באפוילן, אז איך מוז עסן פאר'ן דאווענען".

האבן די אידן געלאכט, "נישט דאס האט דער רבי געמיינט, דער רבי האט געמיינט, אז געווענליך ווען מ'ענדיגט דאווענען שפעט, זאלסטו נישט זיין הונגעריג, וועגן דעם זאלסטו עסן פאר'ן דאווענען, אבער היינט ווען מ'דאווענט ממילא פרי, און ס'איז סייווי נישט דא כמעט קיין שטיקל חמץ צו טרעפן, נישט דאס האט דער רבי געמיינט".

האט ר' מרדכי חנא זיי אנגעשריגן און געזאגט, "דריי נישט קיין קאפ! מאך מיר נישט קיין חשבונות וואס דער רבי האט געמיינט. דער רבי האט געהייסן עסן פאר'ן דאווענען, דארף מען פאלגן, מ'דארף נישט זיין אויבער-חכם".

ס'איז דא פארשידענע מענטשן וואס מאכן דא חשבונות, מ'האט נישט געמיינט קיין יונגע מענטש, מ'האט נישט געמיינט קיין געזונטע מענטש, און נישט מיך האט מען געמיינט. מ'דארף נישט זיין קיין אויבער-חכם, נאר מ'דארף גיין מיט א תמימות, ונשמרתם מאוד לנפשותיכם, וואס אלע גדולי ישראל האבן געהייסן טון, דארף מען פאלגן אן קיין חשבונות.

❖❖❖

זאל דער אויבערשטער העלפן, אז יעדער איינער זאל זיין געזונט און שטארק בבריאת השלימות, און מ'זאל זיך צוזאמקומען בקרוב אינאיינעם געזונטערהייט, און מיר זאלן אינאיינעם מקבל זיין פני משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

# זקן ראשי הישיבות בארה"ב
# הגאון הגדול רבי משה גרין זצוק"ל
## ראש ישיבה דמאנסי
## נסתלק ביום י"ב ניסן תש"פ




**מעיין בספר "נועם שיח" - ובלכתך בדרך חלק ב'**